## פינילע מאזיק
### גיט לשון



ני, וואס זוגט עיר, יאטן, צי דעיער נאיער סע־פאציע ? צאט טאקיש גורניש גיהעיערט די מאנסע מיטן שטוט־נאר ? אז צווייסט ניש עביך ענק פאַ־ציילן.

זאט די יענדיקעס זענע גיקומע אין שטוט־נאר אראן, אבן זיי זעך נאר גיוואלט קיפן. די הויראקעס אבן גימיינט אז זיי זענע אין א קנייפע. אט בא זיי אפניקאכט די יוכע, אבן זיי צעטרימאסקעט די בענק לעך. די טישן אין אסגיהאקט די שאבן אין גינאבלט אבן זיי פינקט ווי אף דעיר פייפערופקע. אז זייער שמינטיליגענט אט גירעדט איז זעך אונגיגאנגע א מיגל. דעיר שמינטיליגענט אט גיבעבים אין די שלו־בים אבן גישריגן אף די צעיען.

טא וואס טיט דעיר מניסטער? א מניסטער אט דעך א מניסטערישען קאפ, געט ער זעך אזא נייצע: עיר שיקט צי א בריוול צין וואידיוואַרע, אז עיר זאל דעים גאנצן שטוט־נאר שיקן אפן יאם, קיפן קענע זיי זעך אין דעיר שענק, נישט אין שטוט־נאר, דעיר שטוט־נאר איז ניש קא קרעיטשמע.

ני, אט מע זיי, די הויראקעס טאקיש גישיקט א חאַעז וואטער.

א שיינע ריינע גיפורע!

וואס עט יעיז זאן ?

יעיז עט מע מאכן א נאיעם פרעזענט (נעמיינט: פרעזידענט), א נאש בראט. ניש פין די יענדיקעס, נאר גור א וואזשנע אסאביסטאש, יעיז עט מע אליז מאכן קארין אין שארף אין פארטיק.

צ׳העיערט אזא מיפולע אבן גיגאט די יענדי־קעם — א שיינע ריינע גיפורע!

דעפאר עלן מיער זעך דעים שאבים מאכן אין שמולן געסל א פונדע. מעט עסן רישעלאיעם־נים אין, מעט טרינקן סנאלקע. די סידע עט מע זעך מאכן ציליב דעים בראך פון די יענדיקים.

דעוואל איז מיער א גיטן שאבים און זאצין מיער גיזינט

---

## א שמועסל
### צווישען דריי שוויגערס

1־טע : וואס איז איהנס איידעם ?

— א כירורג : ער האט מיר אראפגענומען א הויקער פון דער פלייצע.

2־טע : און מיין איידעם איז א באנקיר: ער האט א באנק אין סטאשיץ פארק.

3טע : מיין איידעם איז א ריכטער: ער טוט מיר אהן דין און משפט, און איך „ריכט„ מיר אויס א שווארץ יאהר.

א—קין.

---

גראף קאלי.

## אויף מיין דאַטשע...

וועלדער איז פאראַן אין קריניץ
בערג איז דאַ אין זאקאַפאנע,
און אַ שעהנעם ים אַהן ענדע
זעהט מען דאַרטען אין אַסטענדע...

נאַר דערפאר, ביי מיר אין „קאלי“
איז אַ שעהנקייט דאַ אַנ׳ אַנדער
ערשטענס, שטעהט זי פונקט אין מיטן
אויפן וועג קיין „אלעקסאַנדער“ ...

נאָך אַ מעלה האט אויך „קאַלי“,
וואָס מען ברויכט קיין טאַקסובקע,
טאַמער ווערט אַ דאַטשניק עפּעס
איז ער גלייך אין „קאַכאַנובקע“...

ס׳איז דאַ איינמאַל א „פאַוויעטשע“,
גאַר אַהן בוימער, גאַר אַהן בלומען ...
נאַר דערפאר דעם טשאַלענט ריח
שמעקט דאַ בעסער ווי פערפומען...

ס׳שטעהט מיין „ווילע“ אויף אַ לאַנקע
מיט אַ ווילדען גראַז פערוואַקסען

וואו עס פאשען זיך צוזאַמען
ווייבער, קעלבער, ציגען, אַקסען...

און פון נאַהענטען טייכעל הערט מען
זשאַבעס קוואַקען אַ „סימפאַניע“
און עס דוכט זיך אייך : להבדיל
אַז איהר זיצט אין פילהאַרמאָניע...

אויף מיין דאַטשע, אויף מיין דאַטשע
שפּרינגען קאַזעס אויף די דעכער.
אַנשטאַט זיידענע פּידזשאַמעס,
טראַגט מען הויזען פול מיט לעכער.

און די קינדער געהען באָרוועס
און די ווייבער זעהט מען קאַכען
שטענדיג נאַר : „לכבוד שבת“
אַבער זעלטען אינדערוואָכען...

אויף מיין דאַטשע, אויף מיין דאַטשע,
דאַרף מען נישט קין פּענסיאָנאַטען,
ברויט מיט רעטאַך, ווערט געדעכענט,
פּאַר אַ מיטאַג גאַר א זאַטען . . .

---

## שוין איינמאַל א זינגער !

צום דירעקטאַר צעלמייסטער האט זיך די טעג געוואַנדען א זינגער מיט דער ביטע איהם אריינצו־נעהמען אין „ראַזמאַיטאַשטשי“ טעאטער אלס סאַ־ליסט.

נאָך דער ערשטער פּראָבע זאָגט דיר. צעלמייס־טער צום זינגער :

— זעהר גוט. איך קאָן אייך אנגאַזשירען, אָבער איהר מוזט האָבען צוויי פּאַמאַצניקעס. איינער — זאָל לייענען נאָטען און אַ צווייטען — ער זאָל זינגען.

---

## כמעט א רעטעניש

איך בין שקר און בלאָף. אלע וואַרטען אויף מיין גיכען סוף. מיין צווייטע העלפט נאָמען ווייזט, אז צו מיין ממשלה האָט גענומען אנ׳—עק, און איך וועל בהרפּותינו מוזען פון דער שיסעל אוועק.

איצט איז שוין ליכט צו פערשטעהען אז דאָס מיינט מען דעם ענד—עק.

א. איטקין.

---

## דער דירעקטאַר, דער סטרוזש און דער הונט

דער דירעקטאַר פון א היגער באַנק איז געפאָה־רען אויף אורלויב קיין קריניצע, אין דער היים האָט ער איבערגעלאָזט ביים סטרוזש דעם הונט.

נאָך א וואָך־צייט, בעקומט דער דירעקטאַר פון סטרוזש אזא בריוועלע:

„פּאַניע דירעקטאָזשע רעקס פּיהלט זיך זעהר שלעכט. ער איז שטאַרק סמוטנע. איך פערשטעה אז עס פעהלט איהם „אייער טאָוואזשיסטוואָ“.

---

## פייטעל און טרייטעל



פייטעל : זאָג מיר טרייטעל, פאַרוואָס זענען ני־שטאָ קיין קלעפּסידרעס פון דעם עליו השנאָבעל׳די־גען לאַדזער שטאָט ראַט ?

טרייטעל : ווייל די ענדעקעס האַלטען נישט פון „קלאַפּסידרע“ נאָר פון סדרה־קלאַפּ.

א. איטקין.

---

## זיינע גרויסע פערדינסטען
### אונטערגעהערט אין סיים בופעט

אויף דער לעצטער סיים־סעסיע פרעגט איינער פון די דעפּוטאַטען אנ׳אַנגעזעהענעם סאַנאַציע־פיה־רער :

— פּאַניע פּרעזעשע, קאָן איך רעכענען אויף א מאַנדאַט צום נייעם סיים ? אך, איך בין דאָך אזא שטילער מענש, אין משך פון די 5 יאָהר דעפּוטאַטע־ווען, האָב איך קיין איין וואָרט נישט גערערט.

דערויף האָט דער פּרעזעס געענטפערט :

— די מעשה איז אזוי: זענט איהר א שוטה, האָט איהר דערמיט בעוויזען א גרויסע חכמה. זענט איהר א חכם, האָט איהר געטאָן א גרויסען שטות. אזוי צו אזוי, טויגט איהר אויף בפה־ות.

---

# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט“ נומער 155 — פרייטאג, דעם 5 יולי 1935

## „משיח“ איז געקומען!..



פאטער (צום חתן=בחור) : געה מיטן רעכטען פוס, אפשר וועסטו זיין מיין אפלייזער!..

